# פרשת תולדות כ"ו חשון – ב' כסלו תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת תולדות***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' דברים הנוהגים בסעודה סימן קע"ז סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ווען** אברהם האט געשיקט אליעזר זוכען א שידוך פאר יצחק, רעכנט אויס דער פסוק די מעלה פון אליעזר, אז ער איז געווען זקן ביתו, דער עלטסטער פון זיין שטוב, המושל בכל אשר לו, וואס האט געוועלטיגט אויף אלעם וואס האט געהערט צו אים (בראשית כד-ב). די גמרא (יומא כח:) דרשנ'ט אויפן אנהייב פונעם פסוק, ואברהם זקן בא בימים (בראשית כד-א), אז אברהם איז געווען א זקן ויושב בישיבה, ער איז געזעסן און געלערנט. ווייל וואו עס שטייט זקן, מיינט נישט סתם אלט געווארן, נאר זקן אין די תורה איז דער טייטש זה קנה חכמה (קידושין לב:). ער האט אויפגעטון עפעס מיט זיין זקנה, ער האט קונה געווען תורה. ואברהם זקן, אברהם איז געזעסן און געלערנט. און אזוי שטייט שפעטער אויף יצחק, ויהי כי זקן יצחק (בראשית כז-א), ביי יעקב שטייט, ועיני ישראל כבדו מזוקן (שם מח-י). זאגט די גמרא, אז אליעזר איז נישט געווען סתם א באדינער ביי אברהם, ער איז אויך געווען א זקן ויושב בישיבה, ער איז געזעסן און געלערנט, ווייל עס שטייט אין פסוק, אז ער איז געווען זקן ביתו, המושל בכל אשר לו, ער האט מושל געווען אויף די גאנצע תורה וואס אברהם אבינו האט געהאט, ער האט אלעס געקענט. ער איז געווען דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים, ער האט געלערנט די תורה פון אברהם צו יעדן. נו, אז אליעזר איז אויך געווען א זקן, פארוואס רופט ער אים אן זקן 'ביתו', דער זקן פון זיין שטוב. אליעזר איז דאך געווען א זקן פאר זיך אליין, ער איז געזעסן און געלערנט, ער איז געווען א זקן ויושב בישיבה.

**מען** ווייסט די חשיבות פון החזקת התורה, אז אפילו אויב א מענטש איז נישט זוכה אליין צו לערנען תורה, ער דארף עוסק זיין אין עניני עולם, דער אייבערשטער האט אזוי אראפגעשטעלט די וועלט אז מען דארף עוסק זיין אין עניני עולם. פון דעסטוועגן דאך קען מען האבען א חלק אין תורה. יששכר און זבולון, זבולון האט מחזיק געווען די וואס זיצען און לערנען תורה, איז חלק כחלק יאכלו, האט מען א חלק אין יענעמס תורה.

עס שטייט אין **חתם סופר** (על תהלים, נדפס בסוף **תורת משה** דברים ר:), אויפן פסוק (תהלים לז-כה) נער הייתי גם זקנתי, ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, א זקן הייסט איינער וואס לערנט. און איינער וואס לערנט נישט, ווערט אנגערופן א נער, וואס איז דער היפך פון זקן. אמאל קען זיין אז איינער האט נישט געלערנט קיין תורה, בעצם איז ער א נער, אבער פון דעסטוועגן דאך האט ער קרעדי"ט ביים אייבערשטען אזוי ווי א זקן, אזוי ווי איינער וואס איז געזעסן און געלערנט. אויב ער האט מחזיק געווען תורה, האט ער א חלק אין יענעמס תורה. זאגט דער פסוק, 'נער הייתי', בעצם בין איך א נער, איך האב נישט געלערנט, אבער 'גם זקנתי', איך האב אבער אויך די מעלה פון א זקן, כאילו איך וואלט געלערנט. פארוואס, ווייל 'ולא ראיתי צדיק נעזב', איך האב קיינמאל נישט צוגעקוקט אז א צדיק זאל זיין פארלאזט. ווען איך האב געזעהן א צדיק וואס איז אין א פראבלעם, בין איך אים געגאנגען העלפן. ולא ראיתי צדיק נעזב, איך האב נישט געזעהן א צדיק וואס זאל זיין נעזב, האב איך זוכה געווען אז גם זקנתי, איך האב אויך א זכות אין די תורה.

**עס** שטייט אין רש"י (יהושע כד-ל), אז ווען יהושע איז נסתלק געווארן, האט מען אים באגראבן אין א שטעטל וואס האט געהייסען תמנת 'סרח', און אויף א צווייטען פלאץ (שופטים ב-ט) שטייט, אז מען האט אים באגראבען אין תמנת 'חרס'. זאגט רש"י, אז אויפן קבר פון יהושע האט מען געמאכט אויף די מצבה א בילד פון א זון. די זון ווערט אנגערופן 'חרס', און 'תמנת' איז מלשון תמונה. תמנת חרס, מען האט געלייגט א בילד פון די זון. זאגט רש"י וואו קומט אהער א בילד פון די זון. ווייל יהושע האט אפגעשטעלט די זון בגבעון, און כדי מען זאל וויסען וואס פאר א גרויסער מענטש ער איז געווען, אז ער האט אפגעשטעלט די זון, האט מען געלייגט אויף זיין קבר א בילד פון די זון.

**עס** קען זיין נאך א טעם, פארוואס מען האט געלייגט א בילד פון די זון אויף זיין קבר. ווייל יהושע אויסער דעם וואס ער אליין איז געווען גרויס אין תורה, ער האט דאך זוכה געווען שפעטער צו זיין דער צווייטער מקבל התורה פון משה רבינו, האט ער דאך אויך באדינט משה רבינו. אלע פראבלעמען וואס משה רבינו האט געהאט, האט ער איבערגענומען. יהושע בן נון נער לא ימיש מתוך האהל (שמות לג-יא), ער איז קיינמאל נישט אוועקגעגאנגען פונעם געצעלט פון משה רבינו, ער האט נישט איבערגעלאזט משה רבינו אויף א רגע. וואס מען האט געדארפט מסדר זיין ביי משה רבינו אין שטוב, האט ער מסדר געווען. און דורך דעם האט משה רבינו געקענט רואיג מרביץ תורה זיין, ווייל אלע זיינע צרכים האט יהושע געטון. האט יהושע זוכה געווען, נישט נאר צו די אייגענע תורה וואס ער האט געלערנט, נאר ער איז אויך געווען א שותף, א זבולון, אין די גאנצע תורה פון משה רבינו, און ער האט באקומען חלק כחלק. ווייל ער איז געווען דער וואס האט צוגעהאלפן פאר משה רבינו אז ער זאל קענען מרביץ תורה זיין.

**פני** משה איז דאך געווען כפני חמה, פני יהושע איז כפני לבנה (בבא בתרא עה.). קומט אויס, אז משה רבינו איז די זון, און יהושע איז די לבנה. ווען יהושע איז אוועק, האט מען ארויפגעלייגט אויף זיין מצבה א בילד פון די זון, נישט אז עס איז אוועקגעגאנגען יעצט איינער וואס איז כפני לבנה, נאר ער האט אויך די תורה וואס משה רבינו האט געלערנט, דאס איז אויך פאר זיין קרעדי"ט, ווייל ער האט צוגעהאלפן אז משה רבינו זאל קענען צוקומען דערצו. האט מען געלייגט א בילד פון די זון אויף זיין קבר, צו ווייזען אז ער האט זוכה געווען צו האבן א חלק אין די תורה פון משה רבינו וואס איז אזוי ווי די זון.

**אליעזר** איז דאך אויך געווען ביי אברהם, אזוי ווי יהושע ביי משה רבינו. אויסער וואס אליעזר האט געהאט זיינע אייגענע זכותים, וואס ער איז געווען א זקן ויושב בישיבה, האט ער דאך געהאט א זכות אין די האלבע תורה פון אברהם אבינו, ווייל אליעזר האט צוגעהאלפן אז אברהם אבינו זאל קענען מרביץ תורה זיין. המושל בכל אשר לו, ער האט אראפגענומען אלע דאגות פון אברהם, און אברהם אבינו איז געווען פריי ער זאל קענען מגייר זיין את הנפש אשר עשו בחרן, ער זאל קענען טון מיט אנדערע. קומט אויס אז אליעזר האט געהאט נאך מער א מעלה פון אברהם. ווייל אברהם האט געהאט זיינע מעלות, ער האט געהאט האלב פון זיין תורה, ווייל די אנדערע האלב האט ער אוועקגעגעבן פאר אליעזר. און אליעזר האט אויך געהאט זיין אייגענע תורה, וואס ער אליין איז געווען א זקן ויושב בישיבה. קומט אויס, אז אין זכותים, האט אליעזר געהאט נאכמער פון אברהם. עס שטייט אין חז"ל (דרך ארץ זוטא א) אז אליעזר האט זוכה געווען מער פון אברהם. אליעזר איז געווען פון די ניין מענטשן וואס זענען ארויפגעגאנגען לעבעדיג אין גן עדן. פארוואס, ווייל אליעזר האט געהאט אייגענע כוחות, און ער האט אויך געהאט די כוחות פון אברהם וואס ער האט מיטגענומען מיט זיך.

**ווען** ער וויל געבן א טיטל פאר אליעזר, זאגט ער אז אליעזר איז געווען זקן ביתו. ער איז נישט נאר געווען פאר זיך אליין א זקן ויושב בישיבה, נאר די גאנצע תורה פון אברהם'ס אבינו שטוב, איז געקומען דער קרעדי"ט פאר אים, ווייל ער האט צוגעברענגט דערצו אז אברהם אבינו זאל קענען מרביץ תורה זיין. האט ער אים גערופן, אז ער איז עבדו זקן ביתו. נישט נאר ער איז א זקן פון די אייגענע תורה, וואס ער האט אליין געלערנט, נאר ער איז אויך דער זקן פון די גאנצע שטוב פון אברהם אבינו, ער האט אויך א חלק אין די תורה פון אברהם אבינו.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הדינער לטובת כולל שומרי החומות, שהתקיים באולם עטרת חי'.

*

***<u>יום שלישי פרשת תולדות</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם אבא מאנדעל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

*יום רביעי פרשת תולדות*
אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן ש"ב הרב **שמעון דייטש** שליט"א (נכד הגה"צ **רבי חיים יודא דייטש** שליט"א אב"ד חוג חתם סופר פ"ת). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה.

בשעות הצהרים עבר **רבינו שליט"א** לבית השחיטה לעמוד על שחיטת ובדיקת העופות לצורך ביתו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

*

*יום חמישי פרשת תולדות*
בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסדר קידושין אצל החופה של הר"ר **יעקב יוסף שמעלצער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלמה זלמן מיללער** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא. בתוך הדברים השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה הנוגע בעניני שידוכים.

*וזה תוכן הדברים:*
**דער** הייליגער **אור החיים הק'** שטעלט זיך, פארוואס זאגט דא די תורה ויהי יצחק בן ארבעים שנה בקחתו את רבקה (בראשית כה-כ), וואס איז א נפקא מינה ווי אלט יצחק איז געווען בשעת די חתונה. ביי אברהם געפונט מען נישט אז די תורה זאל דערציילען ווי אלט ער איז געווען ווען ער האט חתונה געהאט מיט שרה, און דא ביי יצחק האט די תורה יא געזאגט, ויהי יצחק בן ארבעים שנה בקחתו את רבקה.

**עס** קען זיין א געדאנק פון מוסר, **די תורה וויל זאגען, אז אפילו א בחור פון פערציג יאר, טוט נישט אליין א שידוך, מען לאזט די עלטערן טון דעם שידוך.** מען זעהט נישט אין די גאנצע פרשה, אז יצחק האט עפעס צוגעטון צו זיין שידוך. אברהם האט גערופן אליעזר, און אליעזר איז ארויסגעפארן זוכען א שידוך, און אליעזר האט געברענגט פאר יצחק א פארטיגע שידוך. דאס איז דער שידוך וואס דער טאטע האט דיר געשיקט. און זיי האבען חתונה געהאט, און זיי האבן אויפגעשטעלט זייער א שיינע גליקליכע שטוב.

**די** תורה וויל פארציילען, אז דו זאלסט וויסן, אז דער יצחק וואס האט זיך פארלאזט אויפן טאטען, איז אלט געווען פערציג יאר. **היינט ווילאנג מען איז נאך יונג, קען מען חתונה מאכען א קינד, און ער פארלאזט זיך אויף די עלטערן. אבער ווען מען הייבט אן צו ווערן אביסל עלטער, איז מען שוין אליין א מבין, און ער וויל שוין אליין וויסן, און מען מיינט אז מען פארשטייט שוין אלעס. - מען איז נאך יונג, און מען פארשטייט גארנישט. - מען הייבט זיך אן אליין צו קלויבן שידוכים, און מען קען דאך נישט אליין טון א שידוך, ווילאנג מען באקענט זיך, און מען ווייסט פונקטליך די נאטור צו מען איז צוגעפאסט איינער פארן צווייטען. און מען דארף זיך טרעפן צען מאל קודם, ביז מען ווייסט אויף זיכער אז דאס איז די צוגעפאסטע שידוך. און נאך די חתונה ווערט מען געוואר, אז עס איז נישט מעגליך אז עס זאלן קענען זיין צוויי די זעלבע מענטשן, און עס הייבן אן ארויסצוקריכען די אלע פראבלעמען וואס איז דא.**

**אונזערע** עלטערן האבן געטון שידוכים מיט די קינדער ווען מען איז געווען יונג, און מען האט זיך פארלאזט אז טאטע און מאמע פארשטייען אז עס איז גוט. מען האט זיך נישט געקענט די נאטורן, און צוביסלעך האבן זיי נאך אויפגעשטעלט אזעלכע שיינע שטובער ווי מען שטעלט היינט אויף, ווען מען וויל יא פרובירן, און מען וויל זיך יא קענען פון פארדעם. - עס האט אמאל איינער געזאגט, אז אינדערהיים ווען מען האט געטון א שידוך, האט מען געזאגט, אז מען איז 'איינגעגאנגען' אויף א שידוך, און היינט 'גייט מען ארויס' פאר א שידוך. - אמאל איז מען איינגעגאנגען, ווי אזוי עס איז, דאס איז עס.

**עס** האט איינער אמאל געזאגט, אז די גמרא (קידושין מא.) זאגט, אז מען טאר נישט מקדש זיין א אשה עד שיראנה, וויל שמא תתגנה עליו. ער האט איר נישט געקענט, ער ווייסט נישט ווי אזוי זי זעהט אויס, און נאך די חתונה שמא תתגנה עליו. האט ער געזאגט,

אז היינט טרעפט מען זיך אזוי סאך, אז עס איז 'בודאי' תתגנה עליו. עס קען נישט בעסער ווערן, עס קען נאר ערגער ווערן.

**עס** איז א לימוד מוסר השכל, ויהי יצחק בן ארבעים שנה בקחתו את רבקה, די תורה פארציילט אז יצחק איז אלט געווען פערציג יאר, און דער פאטער האט זיך געפארעט פאר אים, און ער האט אים געשיקט א שידוך. שידוכים דארף מען איבערלאזען אין די הענט פון די עלטערן, און עס איז נישט אין די הענט פון די קינדער, אז זיי זאלן זיך באשליסען די שידוכים.

**מען** זעהט אז אברהם האט געשיקט אליעזר צו זוכען א שידוך פאר יצחק, און יצחק האט זיך אינגאנצן פארלאזט אויף די עלטערן. ווען עס איז געקומען ביי רבקה, רבקה איז געבוירן איז א גוי'שע שטוב, בתואל מיט לבן. און מען האט איר געפרעגט התלכי עם האיש הזה, דו ביסט גרייט צו גיין, ותאמר אלך (בראשית כד-נח), זאגט רש"י, איך וועל גיין אפילו עטץ ווילטס נישט. זי האט גענטפערט אזוי ווי מען ענטפערט ביי די גוים, דו זאלסט זיך נישט אריינמישן אין מיינע שידוכים, צו עס געפעלט דיר יא צו עס געפעלט דיר נישט, דאס האב איך אויסגעקליבן און מיט דעם וועל איך גיין. **ביי א גוי אין שטוב זאגט מען אלך, איך גיי אפילו די טאטע און די מאמע ווילן נישט, אבער ביי יצחק אין שטוב האט מען געזאגט, אז מען טוט וואס די טאטע און די מאמע זאגען.**

*

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **דוד ארי' פריעדמאן** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

*

***<u>שבת קודש פרשת תולדות</u>***

**רבינו שליט"א** שבת את שבתו בקרב אנשי שלומינו בבארא פארק. תפלת מנחה וקבלת שבת התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו זכרון יהודא. **רבינו שליט"א** עבר לפני התיבה לתפלת מנחה.

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** הבאטע בבית מדרשנו זכרון יהודא. בין הזמירות והניגונים השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ הבית המדרש.

ביום שבת קודש התפלל **רבינו שליט"א** בהיכל בית מדרשנו הגדול. בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **אברהם בערקוי** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה. אחר התפלה עבר **רבינו שליט"א** לביקור אצל אחיו הגדול **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א.**

**כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** חזר לפני **רבינו שליט"א** על דבר תורה ששמע בשם **מרן הגה"ק רבי יונתן שטייף זצ"ל** על הפסוק בהפטורת הפרשה (מלאכי א-ב) ואוהב את יעקב ואת עשו שנאתי, דהנה עשו יש לו מעלה שהוא האח הגדול, ודרשו חז"ל (כתובות קג.) כבד את אביך ואת אמך (שמות כ-יב), 'ואת', וא"ו יתירה, לרבות אחיך הגדול, ומחוייבין לכבדו עבור זה. מאידך יעקב יש לו מעלה שהוא יושב אהלים, ודרשו חז"ל (פסחים כב:) את ה' אלקיך תירא (דברים ו-יג), 'את' לרבות תלמידי חכמים. ואמר הקב"ה ואוהב 'את' יעקב, היינו שאהוב עלי יעקב ומעלתו שנדרש בתיבת 'את', 'ואת' עשו שנאתי, שמעלת עשו שנדרש מכח הכתוב 'ואת', שנאתי. - והפטיר **רבינו שליט"א** ואמר: איך בין געקומען וועגן דעם 'את', נישט וועגן דעם 'ואת'...

תפלת מנחה וסעודה שלישית נערך בבית מדרשנו ברכת אברהם. **רבינו שליט"א** השמיע דברי דרוש ואגדה נפלאים בעניני הפרשה. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי יצחק זלמן גיפס שליט"א** דומ"ץ הבית המדרש.

# פרשת ויצא ג׳ – ט׳ כסלו תשע״ט לפ״ק

***יום ראשון פרשת ויצא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **נתן גראזינגער** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט״א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בן הר״ר **אליעזר בלומענפעלד** הי״ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בת הר״ר **נחמן רייך** הי״ו, עב״ג בן הר״ר **יוחנן וואזנער** הי״ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט״א** נתכבד בברכה אחריתא.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או״ח הל׳ דברים הנוהגים בסעודה סימן קע״ז סעיף א׳) בבית מדרשנו בבארא פארק.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט״א** להחתונה של בת הר״ר **נחמן רייך** הי״ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת ויצא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בערב הלך **רבינו שליט״א** לניחום אבלים אצל משפחת לעווי שישבו שבעה על פטירת אמם ע״ה (אלמנת הר״ר אברהם לעווי ע״ה), ואצל משפחת פיש שישבו שבעה על פטירת אמם ע״ה (אלמנת הר״ר מרדכי שלמה פיש ע״ה).

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט״א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **משה יעקב** נ״ו בן הר״ר **אברהם יהודה האפפמאן** הי״ו, עב״ג בת הר״ר **ראובן זאבעל** הי״ו.

*

***יום שלישי פרשת ויצא***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט״א** לניחום אבלים אצל משפחת הר״ר **שמעון יעקב צבי ראטה** ע״ה.

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** רבי יהודא אשר (ראטה ז״ל, סופר סת״ם) איז געווען א זיידע פאר ענק?

**א׳ האבלים:** יא, מיין טאטע׳ס טאטע.

**רבינו:** מיט איבער פופציג יאר צוריק בין איך געווען ביי אים אין שטוב אין ירושלים. איך בין געווען א בחור, און איך בין געווען מיט **מיין טאטע ז״ל**, באשטעלן ביי אים רבינו תם תפילין. מיין רבינו תם׳ס תפילין האט מען דעמאלטס באשטעלט ביי אים. מיין טאטע האט אים געוואלט געבן געלט פאר א איינגאבע אויף די תפילין, האט ער געזאגט, איך בין שוין א אלטער יוד, איך ווייס נישט צו איך וועל עס דערלעבן צו שרייבען, איך וועל עס מיר איפשרייבען אז איך וועל שרייבען, און ווען עס וועט זיין פערטיג, זאל מען מיר באצאלען. און אזוי איז טאקע געווען, ער האט דערלעבט, און ער האט געשריבען, און איך גיי מיט זיינע פרשיות.

**א׳ מהנוכחים:** דער **עטרת צבי** האט געוואלט שרייבען א ספר תורה ביי **רבי משה פשעווארסקער זצ״ל**, און רבי משה פשעווארסקער האט געזאגט, אז ער איז שוין א אלטער יוד, ער וויל נישט אנהייבן צו שרייבן און בלייבען אינדערמיט. האט אים דער עטרת צבי געזאגט, אז ער זאגט אים צו, אז ער וועט עס דערלעבן. אזוי ווי ער האט געהאט א הבטחה, האט ער געצויגן מיטן שרייבען דעם ספר תורה פופצן יאר.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר השיעור נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר״ר **ארי׳ שמואל פרענקל** הי״ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט״א** אצל החתונה של בן הרב **יעקב הערש ריבא** שליט״א, עב״ג בת הר״ר **שלמה דוב וויעדער** הי״ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט״א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת ויצא***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר״ר **אברהם**

**יהודא קלינגער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש אמונת ישראל.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב **אברהם פנחס בערקאוויטש** שליט"א, עב"ג בן הרה"ג רבי **אהרן שלמה צינמון** שליט"א רב דביהמ"ד בני תורה פלעטבוש, שהתקיים באולם מערינא דע לא רעי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת ויצא***

בשעות לפני הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של **הגה"צ רבי אהרן גד כ"ץ זצ"ל** אב"ד קאפיש, שהתקיים לפני בית מדרשו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יצחק יודא ברוין** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שלום יוסף גאטליעב** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר החתונה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף בשמחת השבע ברכות של בן ש"ב **הרה"ג רבי ישראל דייטש שליט"א** (בן הגה"צ רבי יחזקאל שרגא דייטש שליט"א אב"ד מקור חיים מאנסי, והחתן כ"ק **האדמו"ר מקיוויאשד שליט"א**) עב"ג בת **הרה"ג רבי ישעי' קאהן שליט"א** אב"ד תולדות אהרן ב"פ (בן כ"ק **האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א**, והחתן הגה"צ **אב"ד וואלאווע שליט"א**) שהתקיים בבית המדרש קיוויאשד. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***ערב שבת קודש פרשת ויצא***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת אקערמאן, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **ישראל זאב אקערמאן** ע"ה). ואצל הר"ר **יוסף אלי' אייגנער** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **אברהם משה אייגנער** ע"ה.

*

***שבת קודש פרשת ויצא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי אברהם דוב מאווריטש זי"ע** בעל **בת עין** (לרגל היומא דהילולא ביום י"ב כסלו). בברכת המזון נתכבד **הרב ברוך אייכענשטיין שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **געציל פאלקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

במוצאי שבת הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ אב"ד קאפיש זצ"ל**.

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** זיין שווער (**הגה"צ רבי יעקב סג"ל לעבאוויטש זצ"ל** אב"ד קאפיש בעמח"ס **משנת יעקב**) האט זיך זייער משתעשע געווען מיט אים. ער האט מיר אמאל געזאגט, 'איך שעם זיך ווי אזוי ער מאכט קידוש'. ער האט אויך געזאגט, 'איך האב אים געזעהן צינדען חנוכה לעכט, און עס האט זיך אים געגאסן די טרערן'. ער איז נאך דעמאלטס געווען א יונגערמאן, נאך די חתונה. אשרי מי שעמלו בתורה, ער האט מקדיש געווען אלע זיינע טעג פאר תורה. אויף די צורה האט מען דערקענט די יראת שמים, עס האט געשיינט.

ווען איז דער זיידע, דער **קאפישער רב**, אוועק?

**א' האבלים:** ז' אדר תש"מ. דער טאטע איז דעמאלטס געזעסן אין ווינער שול ביי די ז' אדר דרשה פונעם **פריערדיגען ווינער רב זצ"ל**, און מען איז אים געקומען זאגען, אז דער קאפיש'ער זיידע איז אוועק.

**רבינו:** דער זיידע איז געווען א תלמיד חכם עצום. וואו מען האט אים געפרעגט האט ער געענטפערט.

**א' האבלים:** דער טאטע האט אריינגעלייגט אסאך כוחות אין מסדר זיין די ספרים, און ער איז געבליבען שטעקן אינדערמיט וועגן געלט, ער האט נישט

געהאט קיין כח צו פארשאפן נאך געלט. מען רעדט פון זעקס בענדער. דער זיידע האט געשריבן הגהות אויפן **מגילת ספר** פונעם **מבי"ט** הל' עגלה ערופה. **רבי פישל'ע** (**הערשקאוויטש זצ"ל** גאב"ד האליין) האט געזאגט, אז ער האט זיך ספעציאליזירט מיט טרעפן נייעס'לעך. ער האט אלץ צוגעצייכענט עפעס א חידוש, איין ווארט צום צווייטען. ער האט געגליכען א חידוש, א כאפ, א זאך וואס שטייט נישט אזוי. ער האט ארויסגעברענגט דעם חלק, אז די תורה איז עניה במקום אחד ועשירה במקום אחר. צו טרעפן א זאך און עס צוצושטעלן אהער.

**רבינו:** ער איז אמאל געווען ביי אונז אויף א ברית, און ער האט גערעדט פון זיינע יונגע יארן, ער איז געווען א איידעם ביי רבי **אברהם זלמן שווארץ זצ"ל** (בעמח"ס **נפש טובה**), וואס איז געווען דער סופר אין חוסט, נאך אין דעם **מהר"ם שיק'ס** צייטען, און שפעטער ביים **ערוגת הבשם**. דער רבי אברהם זלמן האט געהאט דריי איידעמער, דער **קאפישער רב זצ"ל**, און דער זיידע דער **מאקאווער דיין**, און **רבי פרץ טובי' שטראהלי זצ"ל** (רב וראש ישיבה בק"ק קלויזענבורג יצ"ו). האט ער דעמאלטס ביים ברית געזאגט, אז מיין שווער האט אויסגעקליבן די דריי בעסטע בחורים וואס איז געווען דעמאלטס אין די מדינה. – ער האט עס געזאגט אויף זיך...

ווען מען האט אנגעטראגען דעם מאקאווער זיידע, צו ווערן א איידעם ביי דעם סופר, האט ער נישט געהאט קיין חשק צום שידוך. ער האט געוואלט אריינקומען מער אין א רבנישען שטוב. און דער **ערוגת הבשם** האט אים גערופן פרעגן, פארוואס ער וויל נישט דעם שידוך. האט ער געזאגט, אז ער וואלט ענדערש געזוכט א רבנישען שטוב, ווי איידער ביי א סופר. דער זיידע איז געווען א עושר, און ער האט אויסגעהאלטן די איידימער. האט אים דער **ערוגת הבשם** געזאגט, ער איז אבער א 'סופר ומונה'... און דו וועסט קענען זיצען און לערנען.

**א' האבלים:** דער **קאפישער רב** האט געזאגט, אז פאר אים האט ער געגעבן פינף יאר קעסט. און אין דעם טאג וואס עס האט זיך געענדיגט דער פינפטער יאר, האט ער באקומען דעם פאסטען אין קאפיש. און אין דעם זעלבן טאג האט ער אויך באקומען דעם היתר הוראה פון **רבי שאול בראך זצ"ל**.

**רבינו:** דער זיידע (**הגה"צ מקאפיש זצ"ל**) איז נישט געגאנגען מיט ווייסע זאקען. איך האב געהערט פונעם זיידען, אז ער האט נאך די חתונה זיך געוואלט אנטון ווייסע זאקען, און דער שווער האט אים נישט געלאזט. דער שווער האט אים געזאגט, דו ביסט א יונגערמאן, אויף דיר ווארט נאך ערגעץ א פאסטען אנצוקומען, איך וויס נישט צו דארט וועט ווייסע זאקען זיין א פעלער, צו נישט. נישט יעצט איז די צייט. ווען דו וועסט זיך ערגעץ מסדר זיין, און דו וועסט וועלן אנטון ווייסע זאקען, וועסטו אנטון.